# זכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וישלח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 461

בני אמונים מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

### פערלווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### דאווענען מיט א לשון וואס האט צוויי באדייטן

**"וַיְצַו אֹתָם לֵאמֹר כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד עָתָּה"** (לב ה)

אזוי טייטש דער **רבי ר' אלימלך פון ליזענסק** די באפעל פון יעקב פאר די מלאכים:

ווען דער צדיק וויל אפהאלטן פון די מקטרגים זאלן נישט קענען שטערן זיין תפילה פון צו ווערן אנגענומען, דאווענט ער אויף אזא וועג אז זיין תפילה זאל אויסזען ווי א שמועס צו זיין פריינד, אזוי ווי מיר טרעפן אז נחמיה האט געזאגט (נחמיה ב ד-ה, ראה מהרש"א ר"ה ג ב): "וָאֶתְפַּלֵּל אֶל אֱלֹקֵי הַשָּׁמָיִם; וָאֹמַר לַמֶּלֶךְ". דאס האט יעקב באפוילן די מלאכים: "כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי" - ווען ענק רעדן צו אים זאלן ענק אינזין האבן ממליץ זיין פאר מיר ביים אויבערשטן, אבער כדי די מקטרגים זאלן נישט קענען אפהאלטן די תפילה, זאלן ענק זאגן די ווערטער אויף אזא וועג וואס וועט זיך הערן ווי ענק רעדן "לְעֵשָׂו".

'נועם אלימלך'

### בעטן בחסד און בעטן בדין

**"וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ וַיַּחַץ אֶת הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וְאֶת הַצֹּאן וְאֶת הַבָּקָר וְהַגְּמַלִּים לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת"** (לב ח)

דער **גר"א** ערקלערט, עס זענען דא צוויי אופנים וויאזוי צו דאווענען:

עס איז דא וואס בעט זיינע בקשות אלס שכר און באצאלט אויף זיינע מעשים טובים, און צוליב דעם שטעלן זיך אוועק די מקטרגים אפהאלטן זיין תפילה עס זאל נישט אנגענומען ווערן, מיט דעם וואס זיי דערמאנען זיינע עבירות. אויף דעם אופן האט יעקב אבינו געדאווענט, און וועגן דעם שטייט: "וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד" - "שמא יגרום החטא" (ברכות ד א).

פון די צווייטע זייט איז דא דער וואס דאווענט אז השי"ת זאל מיט אים גוט'ס טון צוליב די מידת החסד, און נישט אלס שכר אויף זיינע מעשים טובים, און וועגן דעם דארף ער נישט ציטערן טאמער די מקטרגים ווען דערמאנען זיינע זינד, ווייל פון אנהויב האט ער געבעטן נאר בחסד און נישט בדין. אויף דעם אופן האט אברהם אבינו געדאווענט, און אזוי ווי די תורה דערציילט (לעיל טו ו): "וְהֶאֱמִן בַּה'"; ער איז געווען פארזיכערט אין די ישועה פון ה', פארוואס האט ער נישט מורא געהאט שמא יגרום החטא? ווייל: "וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה" - זיין בקשה איז געווען בתורת צדקה וחסד און נישט ווי שכר אויף זיינע מעשים.

אויף דעם זאגן מיר ביי די תפילה פון 'נשמת': "עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך"; ריבונו של עולם, ווייל ביז יעצט האסטו אונז געהאלפן נאר צוליב "רחמיך", און דו האסט אונז אויך נישט פארלאזט נאר צוליב "חסדך", דעריבער זענען מיר פארזיכערט אז דו וועסט ווייטער רחמנות האבן אויף אונז און אונז העלפן "ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח".

פירוש הגר"א משלי כה טו

### 'י"ג מידות' הלכה למעשה

**"וַיַּצֶּב שָׁם מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא לוֹ אֵ-ל אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל"** (לג כ)

רש"י ערקלערט לויט די פשוט'ע פשט אז יעקב [וואס ווערט גערופן 'ישראל'] האט גערופן דעם מזבח "אֵ-ל אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און מיט דעם האט ער אויסגערופן פאר אלעמען אז דער באשעפער איז זיין גא-ט. און בדרך דרש לייגט צו רש"י: "רבותינו (מגילה יח א) דרשו שהקדוש ברוך הוא קראו ליעקב א-ל", און רש"י פירט אויס: "ודברי תורה כפטיש יפוצץ סלע מתחלקים לכמה טעמים, ואני ליישב כפשוטו של מקרא באתי".

עס איז באקאנט די שיטה פון **'ראשית חכמה'**, אז די הבטחה פון חז"ל אויף די כח פון די י"ג מידות של רחמים: "כל זמן שישראל חוטאים - יעשו לפני כסדר הזה ואני מוחל להם" (ר"ה יז ב), איז נישט אנגעהאנגען מיטן זאגן, נאר מיטן מקיים זיין, ד.מ. אז דער ציבור דארף זיך פירן מיט אט די מידות, און אזוי ווי עס זעט אויס דער לשון הגמרא: "יעשו לפני כסדר הזה".

און אסאך וואונדערן זיך אויף דעם, ווייל דאס קען מען פארשטיין אויף די מידות ווי "רחום וחנון", און אזוי די חכמים זאגן (שבת קלג ב): "מה הוא חנון ורחום - אף אתה היה חנון ורחום". אבער וויאזוי קען מען טון די מידה פון 'א-ל'? וועגן דעם זענען דא וואס קריגן זיך און האלטן אז די סגולה פון די י"ג מידות נוצט אויך מיטן זאגן אליין, און מיט דעם ערקלערן זיי דער נוסח וואס מיר זאגן פארן זאגן די סדר י"ג מידות: **"א-ל הורית לנו לומר** שלוש עשרה", אז די מידה 'א-ל' לערנט אונז אז די סגולה פון י"ג מידות העלפט אויך נאר מיטן זאגן.

אבער, **רבי פינחס הלוי הורוויץ** בעל 'הפלאה' פארענטפערט די שיטה פון 'ראשית חכמה', פון די דרש פון די חכמים אויף אונזער פסוק אז הקב"ה האט אנגערופן יעקב אבינו מיטן נאמען 'אל', זעט מען אז די מידה איז אויך שייך ביי א מענטש, אויב אזוי איז אויך שייך ביי דעם 'יעשו לפני' - אויף יעדן איד ליגט א חיוב צו שטרעבן און אנקומען צו אט די מדריגה.

אויף די טענה זאגט דער **'בני יששכר'**, ווייל רש"י באטאנט אז פשוטו של מקרא איז נישט ווי די דרש פון די חכמים אז הקב"ה האט אנגערופן יעקב 'אל', וויל ער מיט דעם פסק'ענען אז מען קען נישט פארלאנגען פון א מענטש זאל זיך פירן מיט די מידה, נאר מען מוז זאגן אז זוכה צו זיין צו די סגולה פון י"ג מידות, איז גענוג מיטן זאגן.

'ראשית חכמה' שער הענוה פ"א; 'פנים יפות' שלח; 'בני יששכר' אלול מאמר ב אות ד

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### שלום עליכם פאר די מלאכי אמן

אויף דער פסוק וואס הייבט אן אונזער פרשה: "וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו", ערקלערט רש"י אז די 'מלאכים' זענען נישט געווען שליחים בשר ודם, נאר "מלאכים ממש".

זאגט אויף דעם דער רבי ר' מאיר'ל פון פרימישלאן זי"ע, אז די מלאכים זענען באשאפן געווארן פון די מצוות וואס יעקב אבינו האט מקיים געווען. אזוי זאגט דאך די משנה (אבות ד, יא): "העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, והעובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד". און ער לייגט צו, אז דאס איז מרומז אין די ווערטער פון רש"י: "מלאכים ממש" - "ממש" איז ר"ת: 'מלאכים ממצוות שעשה'.

יעצט איז די צייט צו באמערקן און לערנען, טראץ אז פון יעדע מצוה ווערט באשאפן א מלאך, פון דעסוועגן די מצוה פון 'אמן' איז באזונדער אין דעם. פאר די ברייט פארצווייגטע 'בני אמונים' פאמיליע, די צענדליגער טויזנטער אידן וואס זענען שותפים אין די געוואלדיגע התעוררות אין די ענין פון 'אמן', איז נישט קיין חידוש אז 'אמן' איז גימטריא 'מלאך'. אויב די אויבנדערמאנטע ווערטער זענען קלאר וואלט איך געוואלט אייך מיטטיילן מיט א געדאנק וואס איז מיר ארויף געקומען און אפשר קען מען ערקלערן דעם ענין; מיט בערך א חודש צוריק, אין טאג פון הושענא רבה, האב איך געהאט די זכיה זיך באטייליגן ביי די פדיון הבן פון מיין עלסטער אור-אייניקל, וואס זיין ערשטער נאמען איז גבריאל. אין די ווערטער וואס איך האב גערעדט ביי די שמחה, האב איך געזאגט צו די פארזאמלטע, אז אין אונזער משפחה, וואס זענען אזוי אפגעהיטן אין ענטפערן אמן, איז פאסיג אז דער ניי געבוירן קינד זאל גערופן ווערן מיטן נאמען פון א מלאך גבריאל...

איך האב צוגעלייגט, אז נאכן זיך פארטיפן אין חז"ל קען מען זאגן קלאר אז די מלאכים וואס ווערן באשאפן פון די מצוה פון 'אמן' זענען טאקע אנדערשט פון מלאכים וואס ווערן באשאפן פון אנדערע מצוות. אין סוף מסכת נזיר (סו, ב) האבן די חכמים צוגעגלעכנט דער וואס ענטפערט אמן צו "גיבורים וואס געווינען די מלחמה", ד.מ. אז דורך ענטפערן אמן ווערן באשאפן שטארקע מלאכים וואס געווינען די מקטרגים וואס ווילן שלעכט'ס טון פאר די מענטשן (ראה מהרש"א שם).

לויט דעם, האב איך געטראכט אז די מלאכים וואס יעקב האט געשיקט פאר עשו זענען געווען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון ענטפערן אמן, ווייל זיי זענען "גיבורים וואס געווינען" איז יעקב געווען רואיג אז זיי וועלן אויספירן זייער שליחות ווי עס דארף צו זיין.

אראי' צו דעם קען מען ברענגען פון די ווערטער פון 'מגלה עמוקות' אין אונזער פרשה וואס טייטש דעם פסוק (לב, יב): "הצילני נא מיד אחרי מיד עשו"; "נא מיד אחי" - איז ראשי תיבות 'אמן', יעקב האט געבעטן אז די זכות פון ענטפערן אמן, זאל אים העלפן געראטעוועט ווערן פון זיין ברודער עשו.

מיר וועלן מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין ווי ווייט מעגליך מיר קענען, אין צאל און מיט כוונה, אזוי וועלן מיר זיכער זוכה זיין אז די צענדליגער טויזנטער מלאכי אמן - די "גיבורים וואס געווינען" - וועלן אונז באשיצן אין אלע אונזערע וועגן.

**מיט א וואונטש "כי מלאכיו יצוה לך לשמרך..."**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די תפילה וואס האט געשפאלטן די מויער פון די טורמע

'וועגט, וועגט, וועגט, און ווידער וועגט... ווי לאנג קען מען דאס זעהן...' האט טוביה זיך אונטערגעזינגען מיט א טרויערדיגן ניגון, ווען ער ליגט אויף זיין שמאלן און הארטע בעט. די יארן וואס ער האט פארברענגט אין די טורמע אין ניו - יארק, צווישן די גרויע ווענט פון ביטאן, האבן מצליח געווען צו פארשווייגן זיין שטימע און אויסטרוקענען די קוואל פון זיינע טרערן.

אומוועלנדיג איז טוביה אנגעקומען אין דעם שרעקליכן ארט. א קינדערישע תאוה צו רייך ווערן גרינג און שנעל, האט צוגעברענגט ער זאל נעבעך אריין געשלעפט ווערן אין א געלט-ביזנעס דורך אומ'אחריות'דיגע מענטשן מיטן האפענונג צו מאכן דערמיט גרינגע און שנעלע פארדינסטן. א קורצע צייט איז אלעס געגאנגען לטובה, אבער גאר שנעל איז קלאר געווארן די שווינדל; דער 'שותף' האט זיך ארויסגעוויזן אלס א שווינדלער אן קיין ברעקל הארץ, וואס אויסער אים איבערלאזן פאר'ארעמ'ט, האט ער אים אריינגעדרייט מיט די אמעריקאנער אויטאריטעטן, וועלכע זענען זייער שטרענג אויף געלט-גניבות.

ער איז געאורטיילט געווארן אויף פערצן יאר טורמע אן א מעגליכקייט צו אפערלירן.

אין אמעריקע איז איינגעפירט צו מאכן א שטארקע אונטערשייד צווישן א 'טורמע' און א 'האטעל'... די אמעריקאנער טורמע זענען אזעלעכע ערטער וואס פירן אויס זייער שליחות



די רייקערס איילענד טורמע, ניו יארק

געטריי - פאר'מיאוס'ן די ארעסטאנטן פון צו זיצן דארט, און זיך צו ווינטשן אין יעדע מאמענט זיך ארויסזען פון דעם שרעקליכן ארט און קיינמאל נישט אהין צוריקקומען...

די יארן וואס טוביה איז געזיצן אין טורמע זענען געווען די שווערסטע אין זיין לעבן. יעדן טאג און יעדע שעה האט ער געמוזט זיך פארמעסטן מיט אומדערטרעגליכע שווערע נסיונות, ברוחניות און בגשמיות. איינע פון די זאכן וואס האט אים מחזק געווען איז געווען די התוועדות אין ליל שישי. יעדע ליל שישי פלעגן זיך צונויפנעמען אלע אידן וואס זענען געווען צווישן די תפיסה ווענט, און צוזאמען זינגען שבת'דיגע זמירות. די ווערטער פון די זמירות האבן מחזק געווען זייער גייסט. א ספעציעלע חיזוק האבן זיי געהאט פון דעם ליד 'י-ה אכסוף נועם שבת' וואס איז פארפאסט געווארן דורך רבי אהרן הגדול פון קארלין.

אנהייב חודש ניסן תשע"ז, האבן די גוי'אישע ארעסטאנטן וואס זענען געווען אין טורמע אנגעהויבן צו טומלען, זיי האבן צובראכן און געשעדיגט אלעס וואס האט זיך געפינען אויפן וועג, נאטורליך, דאס אידישע אויסזעהן פון טוביה האט צוגעברענגט אז זיי האבן אויסגעבראכן אין א שנאה אקעגן אים, און האבן אים זייער געטשעפעט. דער דערשראקענער טוביה האט זיך געאיילט גיין צום פאראנטווארטליכער און געבעטן ער זאל אים באשיצן. נישט האבנדיג קיין ברירה, האט מען אים אריבערגעפירט אין א שמאלע און אפגעזונדערטן צימער, אין א 'קעידזש', צוליב זיין זיכערקייט.

יעצט איז זיין מצב פארערגערט געווארן ווי פריער. אין דעם צימערל זענען זיינע איינציגסטע פריינט געווען די גרויע ביטאן ווענט וואס האבן אים ארום גענומען פון אלע פיר זייטן. די איינזאמקייט איז געווען נישט צום אויסהאלטן. טוביה האט זיך געבעטן ווידער און ווידער זיי זאלן געפינען א אנדערע לייזונג פאר אים, און די טורמע פארוואלטונג האט אים פארזיכערט, אז זיי וועלן באטראכטן זיין בקשה.

ערב פסח איז געעפנט געווארן די טיר פון זיין צימער און איז פארבעטן געווארן דורכ'ן וועכטער ער זאל נעמען זיינע ביסל זאכן און אים באגלייטן. אויף זיין פראגע, האט אים דער וועכטער ערקלערט אז מען האט באשלאסן אים אריבערפירן אין א אנדערע טורמע אין פילאדעלפיא, וואו דארט וועט ער זיין מער באשיצט. פרייד האט אנגעפילט טוביה'ס הארץ, ער איז געווען זיכער אז זיינע באדינגונגען אין דער נייער טורמע וועלן גרינגער ווערן, און ער וועט קענען פייערן די נאכט פון סדר מיט א געוויסן טעם פון פרייהייט.

אבער זיין האפענונג האט באלד אויסגעוועפט. דער אפיציר פון די טורמע אין פילאדעלפיא וואס האט געזען אין די פאפירן פון די פריערדיגע ארעסט אז טוביה איז געווען אין א קליינע צימער, האט נישט נאכגעפרעגט די סיבה דערפאר, און באלד ביים אנקומען האט ער באפוילן מען זאל אים אריינווארפן אין א 'קעידזש' אויך אין די נייע טורמע. טוביה האט געשריגן און זיך געבעטן, פרובירט צו ערקלערן די אמת'ע סיבה פארן זיין אין אט די 'קעידזש', און אז דער גאנצער טויש איז נאר כדי ער זאל קענען זיין אין געווענליכע טורמע באדינגונגען, אבער קיינער האט אים נישט געהערט, די טיר איז אויף אים פארמאכט געווארן.

טוביה האט געפייערט די סדר-נעכט מיט א שווערע געפיל, די ווערטער 'זמן חרותינו' זענען געווען ווייט פון אים. א 'הגדה של פסח' האט ער נישט פארמאגט און האט געזאגט בעל פה וואס ער האט געדענקט פון די נוסח ההגדה.

צוויי טעג שפעטער, ליל שבת חול המועד, נאכדעם וואס ער האט קידוש געמאכט אויף וויין, געזאגט א ברכה אויף די מצות און געגעסן פון זיי, האט פלוצים אויסגעבראכן פון טויה א קוואל פון בענקשאפט. ער האט געוואלט אויסגעבן זיין בענקשאפט אין די שבת'דיגע זמירות.

ער האט אנגעהויבן זינגען 'י-ה אכסוף נועם שבת' און פון ווארט צו ווארט איז זיין שטימע דערשטיקט געווארן. ווען ער איז אנגעקומען צום דריטן שטיקל און האט אנגעהויבן שרייען מיט בענקשאפט די בקשה: "ויהיו רחמיך מתגוללים..."‚ האט זיך געעפנט די קוואל פון זיינע טרערן; די ווייטאג, די עלנד און טרויער, זענען ארויסגעקומען אין אט די שרעקליכן געשריי. מיט זיינע לעצטע כוחות, האט ער איבערגעזינגען די בקשה נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ער איז איינגעשלאפן.

אינמיטן שלאף האט זיך באוויזן א געשטאלט וואס ער וועט נישט פארגעסן דאס גאנצע לעבן. ס'איז געווען אן אלטער מאן מיט א הדרת פנים, און א לאנגע ווייסע בארד. ער האט אויף אים געקוקט מיט רחמנות'דיגע בליקן און אים געזאגט: "מיין טייערער פריינד, דיין קול איז געהערט געווארן און דיין געשריי איז אנגענומען געווארן און דו וועסט באלד פריי ווערן" און האט צוגעגעבן: "היינט איז מיין יארצייט און איך וועל בעטן פאר דיר דו זאלסט ווי אומשנעלסטן באפרייט ווערן".

טוביה האט זיך אויפגעכאפט אינגאנצן נאס פון שווייס און שאקירנד, און זיך געכאפט אז ער האלט נאך יעצט אינמיטן די שבת'דיגע 'סעודה'. מיט א פרישע שטורעם פון געפילן האט ער ווידער אנגעהויבן צו ברומען די ווערטער: "ויהיו רחמיך מתגוללים על עם קדשך", און איז ווידער איינגעשלאפן. און דאס מאל האט זיך ווידער באוויזן צו אים די זעלבע וואונדערליכע געשטאלט און בעט אים "מנע קולך מבכי, איך בין געשיקט געווארן פון הימל דיך דערציילן אז בקרוב וועסטו באפרייט ווערן". יעצט האט ער זיך אביסל בארואיגט, און איז איינגעשלאפן ביז אינדערפרי.

די וואונדערליכע ישועה האט נישט פארשפעטיגט פון צו קומען. דעם אנדערן טאג איז טוביה גערופן געווארן צו די טורמע דירעקטאר'ס אפיס און אים געמאלדן אז מען האט באשלאסן אים צוריק פירן אין די טורמע אין ניו יארק. דאס מאל איז טוביה אריינגעשטעלט געווארן אין א נארמאלע מענטשליכע צימער מיט פולע רעכט ארעסטאנטן.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט טוביה זיך געאיילט רופן א עסקן מיט וועמען ער איז געווען אין קאנטאקט, און באלד געפרעגט ווער פון די צדיקים איז נפטר געווארן אין י"ט ניסן, וואס איז געפאלן יענעם יאר אין שבת חול המועד? דער עסקן וואס האט זיך געוואונדערט אויף די פראגע, האט נאכגעפארשט און געענטפערט: רבי אהרן הגדול פון קארלין, דער מחבר פונעם ניגון "י-ה אכסוף". טוביה האט כמעט גע'חלש'ט הערנדיג זיינע ווערטער, און האט אויסגעבראכן אין א געוויין אן זיך קענען צוריק האלטן.

אזוי ווי יוסף וואס איז מיט איילעניש פארטריבן געווארן פון גרוב, אזוי איז געווען טוביה. אויפצומארגנ'ס פון יו"ט אחרון של פסח האט מען געעפנט די טיר פון זיין צימער און איז פארבעטן געווארן דורכ'ן וועכטער ער זאל נעמען זיינע ביסל חפצים און אים באגלייטן צום אפיס פון די טורמע. דארטן האט מען דערציילט פאר טוביה איבער זיין באפרייאונג. אסאך יארן פון פארשידענע עסקנות וואס האבן נישט אויפגעטון איז אבער פלוצלינג אין יענע טעג אנגענומען געווארן.

עס האט נישט קיין לאגישע ערקלערונג אויסער די תפילה וואס ער האט געזונגען פון הארצן אין יענע אומפארגעסליכע שבת ביינאכט וואס האט דורכגעבראכן די ווענט פון תפיסה.

(דער מעשה איז דערציילט געווארן דורך הרב חיים הערש מענדלאוויטש פון קרית יואל ניו יארק, וואס האט עס געהערט פון דער בעל המעשה, און איז געדרוקט געווארן אין קונטרס 'אז נדברו' - שבט תשע"ח, עמ' קג).

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

## ענטפערן אמן אויף א ברכה פון א גוי

**א. מען מעג נישט ענטפערן אמן אויף א ברכה וואס ווערט געזאגט דורך א עובד כוכבים אדער א כותי, נאר אויב מען האט געהערט פון זיי די גאנצע ברכה, פון אנהייב ביז צו די ענדע. אבער עס זענען דא וואס האלטן מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך זיי, אויך ווען מען הערט די גאנצע ברכה.**

מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (נא ב) האבן מיר געלערנט: "אין עונים אמן אחר כותי המברך, עד שישמע כל הברכה כולה". ווייל א טייל פון די כותים פלעגן דינען עבודה זרה צו א פארעם פון א 'יונה' וואס איז געווען אין הר גריזים (ראה חולין ו א), וועגן דעם איז מען חושש אויף יעדן כותי טאמער ביי די ברכה האט ער אינזין לשם די עבודה זרה. אבער ווען מען הערט פון די כותי'ס מויל די גאנצע ברכה, ענטפערט מען אמן, ווייל פון דעם וואס ער זאגט דער נוסח הברכה, איז דאס א באווייז אז זיין כוונה איז צו השי"ת און נישט צו די עבודה זרה (רש"י שם ד"ה עונין; רבינו יונה ברכות מ א מדה"ר). וועגן ענטפערן אמן נאך א גוי ווערט געברענגט אין ירושלמי (ברכות ח ח) א ברייתא: "תנא גוי שבירך את השם עונה אחריו אמן". בפשטות וויל די ברייתא אונז לערנען אז דער דין פון א גוי איז גרינגער פון א כותי, און מען דארף ענטפערן אמן אויף א ברכה פון א גוי אויך אויב מען האט נישט געהערט פון אים די גאנצע ברכה, ווייל געווענליך האט נישט דער גוי אינזין אויף עבודה זרה ווען ער דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען. לויט דעם פסק'נט דער טור (או"ח רטו) אז אויף א ברכה פון א כותי ענטפערט מען אמן נאר נאכן הערן די גאנצע ברכה, אבער נאך א ברכה פון א גוי ענטפערט מען אמן אויך אויב מען האט נישט געהערט פון אים די גאנצע ברכה (ע"פ בית יוסף שם. וראה שם דעות נוספות בביאור דברי הירושלמי). אבער דער רמב"ם (ברכות א יג) איז נישט מחלק צווישן א גוי און א כותי, נאר פסק'נט אז נאך ביידע ענטפערט מען נישט אמן. דער כסף משנה (שם) ברענגט צוויי וועגן צו ערקלערן די שיטה פון רמב"ם: אין אנהויב ערקלערט ער אז לויט די רמב"ם איז דער דין פון א גוי פונקט ווי דער כותי, און מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך זייער ברכה נאר נאכן הערן די גאנצע ברכה. אבער אין די מסקנא פון זיינע ווערטער בלייבט ער אז פון לשון הרמב"ם זעט אויס אז לשיטתו ענטפערט מען נישט אמן נאך א ברכה פון א גוי אדער א כותי, אפילו נאכן הערן די גאנצע ברכה. דער שולחן ערוך (רטו ב) האלט מען זאל אינגאנצן נישט ענטפערן אמן נאך א גוי אדער א כותי, אפילו נאכן הערן די גאנצע ברכה, אזוי ווי ער בלייבט אין כסף משנה (שם). אבער דער רמ"א (שם) האלט אז נאך די ברכה פון די ביידע זאל מען ענטפערן אמן אויב מען האט געהערט די גאנצע ברכה, ווייל ער נעמט אן ווי דער ערשטער וועג וואס דער כסף משנה האט ערקלערט דעם רמב"ם (מגן אברהם שם ג; פמ"ג א"א שם; שו"ע הרב שם ב). לויט דער ט"ז (שם ג) קריגט זיך דער רמ"א אויפן שולחן ערוך נאר איבער א ברכה פון א עכו"ם, אבער לגבי א ברכה פון א כותי איז ער אויך מודה מען זאל אינגאנצן נישט ענטפערן אמן, אויך נאכן הערן די גאנצע ברכה (וראה משנ"ב שם ס"ק י וס"ק יב).

נאך שרייבט דער ט"ז (שם, הביאו המשנה ברורה שם יב) אז ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א גוי, איז נישט קיין חובה נאר א רשות.

•

**ב. ווען א גוי וואונטש אן א איד, ענטפערט מען אמן נאך זיין וואונטש. אבער אויב וואונטש ער מיטן אויבערשטנ'ס נאמען, זאל מען נישט דערויף ענטפערן אמן, נאר אויב ער זאגט ארויס קלאר אז ער וואונטש מיטן נאמען 'אלוקי ישראל'.**

מקורות וביאורים:

אין ירושלמי ברכות (ח ח) ווערט געברענגט: "אמר רבי תנחום: אם בירכך גוי - ענה אחריו אמן, דכתיב (דברים ז יד): 'ברוך תהיה מכל העמים'". אבער עס שטייט אין ספר 'חסד לאלפים' (לבעל 'פלא יועץ', רטו ד) אז נאר ווען א גוי וואונטש אן דעם איד אן צו דערמאנען דעם 'שם' זאל ער ענטפערן אמן, אבער אויב ער דערמאנט דעם שם ה' אין זיין וואונטש זאל ער נישט ענטפערן אמן נאך זיין ברכה אפשר איז זיין כוונה אויף עבודה זרה. אין ספר חסידים (תכז) שטייט "אויב דער גוי ווען דיך זאגן 'אלהינו' אדער 'אדונינו' זאל דיך העלפן, אדער דיך ראטעווען, אדער זאל זיין מיט דיר, זאל דער איד נישט ענטפערן אמן, ווייל זיין כוונה איז אויף זיין געטשקע. אבער אויב ער זאגט 'אלקיך', אדער 'אדוניך' זאל דיך ראטעווען, דעמאלטס זאל ער ענטפערן אמן".

•

**ג. נאך א אראבער וואס זאגט א ברכה קען מען ענטפערן אמן אויב מען האט געהערט די גאנצע ברכה.**

מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט מהריק"ש אין זיינע הגהות אויפן שלחן ערוך אין זיין ספר 'ערך לחם' (או"ח רטו ב, הביאו בכף החיים שם טו) לויטן רמב"ם וואס זאגט (מאכלות אסורות יא ז) אז די אראבער זענען נישט עובדי עבודה זרה.

## ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א אפיקורוס

**א. דער וואס הערט א ברכה פון א איד וואס איז א כופר אין השי"ת און אין זיין תורה, זאל נישט ענטפערן אמן, אפילו ער האט געהערט די גאנצע ברכה.**

מקורות וביאורים:

אין 'שלחן ערוך' (או"ח רטו ב) איז גע'פסק'נט מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך א ברכה פון א אפיקורוס, און דער טעם ערקלערט דער 'משנה ברורה' (שם י) אז א אפיקורוס האט נישט אינזין פארן אויבערשטן נאר לשם עבודה זרה. אויך פון 'שלחן ערוך הרב' (שם ב) קומט אויס אז דער אפיקורוס וואס ווערט דא דערמאנט איז א "מין וואס איז צוגעבינדן צו עבודה זרה - ווייל די געווענליכע מחשבה פון דער מין ביים דערמאנען השי"ת'ס נאמען איז לשם עבודה זרה" [וראה 'ביאור הגר"א' שם שאפיקורוס דינו ככותי ויש לענות אמן אחריו, אם שמע כל הברכה מפיו].

אבער אין 'אגרות משה' (או"ח ח"ב סי' נ, וראה עוד באו"ח ח"ג סי' כא) שטייט געשריבן אז מען זאל נישט ענטפערן אמן אויך נאך א ברכה פון א אפיקורוס וואס איז כופר בה' ובתורתו כאטש ער גלייבט נישט אין עבודה זרה [אזוי ווי די וואס ווערן גערופן 'רעפארמער' אדער 'קאנסערוואטיוועס']. זיין פסק האט ער געבויעט לויט די ווערטער פון רמב"ם (יסודי התורה ו ח):"אפיקורוס ישראל שכתב ספר תורה שורפים אותו עם האזכרות שבו, מפני שאינו מאמין בקדושת השם ולא כתבו לשמו, אלא שהוא מעלה בדעתו שזה כשאר הדברים. והואיל ודעתו כן לא נתקדש השם". פון זיינע ווערטער לערנען מיר אז דער כופר וואס גלייבט נישט אין קדושת ה', האט נישט קיין שום באדייט דאס וואס ער דערמאנט דעם שם שמים ביי די ברכה, און עס איז ווי ברכה אן קיין שם ומלכות, וואס האט נישט א דין פון א ברכה און מען ענטפערט נישט נאך דעם אמן.

•

**ב. נאך א ברכה פון א איד נישט קיין שומר תורה מצוות, דארף מען ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

דער 'אגרות משה' (או"ח ח"ג כא) ערקלערט אז ווייל געווענליך א איד וואס איז נישט שומר תורה ומצוות גלייבט אין השי"ת, און דאס וואס ער איז עובר אויף די מצוות איז דאס נאר 'לתיאבון', צוליב זיין הארץ גלוסטעניש [און איז נישט א אפיקורוס וואס להכעיס איז ער עובר אויף די מצוות], וועגן דעם דארף מען ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. אויף א ברכה פון א פושע ישראל וואס גלייבט נישט אין די ווערטער פון חכמים שרייבט דער 'ביאור הלכה' (שם) מען זאל ענטפערן נאך זיין ברכה, נאר ווען מען האט געהערט די גאנצע נוסח.

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### דריי אותיות אקעגן דריי עיקרים

**רבי משה טארשעצנעסקי**, רב אין קרעמענצאג, אוקריינא זאגט:

עס איז באקאנט די ווערטער פון דער 'העיקרים' (מאמר ראשון פ"ד) אז עס זענען דא דריי עיקרי הדת וואס זענען דער יסוד פון דער חיוב פון יעדער מענטש צו מקיים זיין די מצוות פון די תורה: א. מציאות ה' ב. תורה מן השמים ג. שכר ועונש.

די ווארט אמן רופט אויס אמונה אין די דריי עיקרים. ווייל די חכמים זאגן דאך (שבת קיט ב) אז די דריי אותיות זענען אקעגן דריי ווערטער: "**א-ל מלך נאמן**"; 'א-ל' רופט אויס אויף אמונה אין מציאות ה', 'מלך' רופט אויס השי"ת'ס מלכות מיטן געבן פאר זיין פאלק חוקים ומשפטים, 'נאמן' איז אויף דעם וואס השי"ת איז נאמן צו באצאלן שכר פאר די וואס זענען מקיים די מצוות און א שטראף פאר די וואס זענען עובר אויף זיי.

ווען מיר ווילן זיך מתבונן זיין ווילן מיר זען אז אויך ביי די ברכות וואס ווערן געענטפערט מיט א אמן, זענען דא דריי קבוצות פון ברכות וואס זענען אנטקעגן די דריי עיקרים: א. 'ברכות הנהנין' וואס מיר לויבן און דאנקען השי"ת אויף די קערפערליכע הנאה. ביי די ברכות ווערט ארויסגעברענגט די אמונה אין מציאות ה' און אונזער איינערקענונג אויף דעם וואס ער פירט דער וועלט בהשגחה פרטית. ב. 'ברכות המצוות' וואס מיר זאגן פארן מקיים זיין די מצוות (און 'ברכת התורה' צווישן זיי), וואס לערנען אונז די אמונה אין תורה מן השמים. ג. 'ברכות ההודאה' וואס אין זיי זענען אריינגערעכנט ברכות וואס מיר לויבן סיי אויף גוט'ס און סיי אויף שלעכט'ס, אזוי ווי די ברכה "הטוב והמטיב", און די ברכה "דיין האמת", וואס לערנט אונזער אמונה אין שכר ועונש ('זכרון משה' עמ' עז).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

שלום וישע רב, כבוד חברי המערכת החשובה 'וכל מאמינים', מיסודו של ידידי הרבני התורני הנגיד המפואר מו"ה יעקב דוב מארמארשטיין נ"י

איך וויל מעורר זיין אויף א ענין וואס איז אויסגעשמועסט געווארן אין ענקער חשוב'ן גליון נומער 455 (פרשת נח תשפ"ג), אין דער אפטיילונג 'דרך אמונים'. ביי די הלכה איבער ענטפערן אמן אויף די ברכה 'הגומל', האבן ענק געפינטלט די ווערטער פון די צוהעהער וואס זאגן אלס א ענטפער אויף די ברכה: "מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב הוּא יִגְמָלְךָ כָּל טוֹב סֶלָה". אבער אין ספר 'קדושת ציון' (חלק ב' עניני תפילה עמוד פ) שטייט אז צום אויספיר פון די וואונטש זאל מען זאגן "כָּל טוּב סֶלָה" - מיט א מְלָאפּוּם. ווייל "טוֹב" איז אן אפענע טובה, און "טוּב" מיינט א באהאלטענע טובה, אזוי ווי דער של"ה הק' שרייבט אין פרשת ואתחנן. און אין יעדע צייט און יעדע שעה טוט דער אייבערשטער מיט אונז ניסים נסתרים וואס זענען פארשטעלט אין די טבע, אזוי ווי חז"ל זאגן (נדה לא א): ): "אפילו בעל הנס אינו מכיר בנסו". און ווען דערקענט יא דער בעל הנס אין זיין נס? ווען א מענטש פאלט אריין אין א צרה ח"ו, און דער אייבערשטער ראטעוועט אים. דערפאר זאגט מען פאר דעם מענטש וואס זאגט הגומל און זעט די אפענע ניסים פונעם באשעפער: "מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב" מיט אן אפענע נס, "הוּא יִגְמָלְךָ כָּל טוּב סֶלָה", אז פון יעצט און ווייטער זאל ער חלילה נישט אריין פאלן אין צרות, נאר אלע ניסים וואס השי"ת וועט מיט אים טון, זאלן זיין באהאלטענע ניסים.

לויט דעם איז מעגליך צו טייטשן וואס מיר זאגן ביים סוף פון ברכת המזון "ורחמים וחיים ושלום וכל טוב ומכל טוב לעולם אל יחסרנו"; ווען מיר פאלן אריין אין א צרה חלילה, בעטן מיר אז דער אייבערשטער זאל זיך מיט אונז פירן מיט "רחמים וחיים ושלום וְכָל טוֹב" - און מיר זאלן זען אפענע ניסים, אבער פון יעצט און ווייטער איז אונזער בקשה זיך נישט געפונען אין א צרה און די באשעפער'ס נסים מיט אונז זאלן זיין באהאלטענע נסים - וּמִכָּל טוּב לעולם אל יחסרנו".

הכותב וחותם לכבוד התורה ולומדיה

**מאיר יצחק הורוויץ**<br>
רב דקהל 'משיב כהלכה' לינסק<br>
ור"מ בישיבת 'בית מאיר'<br>
ברוקלין, ניו יארק יצ"ו

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102<br>
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער ירושלמי'ער מגיד<br>
רבי שלום שוואדראן זצ"ל

### דער מגיד רבי שלום שוואדראן זצ"ל

#### כ"ב כסלו תשנ"ח

דער ירושלמי'דיגער מגיד רבי שלום הכהן שוואדראן איז געבוירן אין ירושלים אין יאר תרע"ב, צו זיין פאטער רבי יצחק שוואדראן א זון פון מהרש"ם פון ברעזשאן.

אין זיינע בחור'ישע יארן האט ער געלערנט אין ישיבת חברון, דארט האט ער זיך שטארק צוגעבינדן אין דער משגיח רבי לייב חסמאן, און אזוי ווי ער האט שפעטער דערציילט: "איך האב קיינמאל נישט פארפעלט א שמועס פון רבי לייב" ('קול חוצב' עמ' 203). רבי שלום האט אויך אפגעשריבן די שמועסן פונעם משגיח און זיי געדרוקט אונטערן נאמען 'אור יהל'. אזוי האט ער אויך איבערגעדרוקט די ספרים פון זיין גרויסן זיידע דער מהרש"ם פון ברעזשאן.

אנקומענדיג אין די יארן פון שידוכים האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון המקובל רבי חיים יהודה לייב אויערבאך ראש ישיבת 'שער השמים', און פון דעמאלט האט ער געוואוינט אין די 'שערי חסד' געגענט נאנט נעבן זיין גרויסן שוואגער הגרש"ז אויערבאך וואס מיט אים איז ער געווען צוגעבינדן מיט שטריקן פון ליבשאפט אגאנץ לעבן.

רבי שלום איז געווען באקאנט מיט זיינע דרשות וואס ער האט אויפגעטרעטן אין אסאך שולן און אין היכלי הישיבות, און באזונדער אין די באקאנטע 'זכרון משה' שול אין ירושלים. ער איז געווען באשאנקען מיט א 'פה מפיק מרגליות', זיינע ווערטער וואס זענען געווען יוצאות מן הלב זענען אריין אין די הערצער פון די צוהערער, און אסאך פלעגן קומען הערן זיינע דרשות.

רבי שלום איז נסתלק געווארן כ"ב כסלו תשנ"ח און איז באערדיגט געווארן אין הר הזיתים.

### א התנהגות וואס ערוועקט וואונדער

רבי שלום האט דערציילט: מורי ורבי רבי יהודה לייב חסמאן האט אמאל אנגעצייכנט מיט באוואונדערונג די מדריגה פון יראת שמים וואס איינער פון זיינע תלמידים אין ישיבת חברון האט דערגרייכט, באטאנענדיג באזונדער זיין הנהגה ביים זאגן די ברכות השחר, וואו ער פלעגט זיך שטעלן יעדן אינדערפרי פארן דאווענען נעבן די בימה, און פלעגט זאגן די ברכות השחר מיט א נעימות פיל מיט געפיל, ווען די ישיבה בחורים שטייען ארום אים און ענטפערן איין מאן נאכן אנדערן אויף זיינע ברכות. ('קול חוצב' עמ' 542).

### הנני מוכן ומזומן להלל

יעדן אינדערפרי פלעגט רבי שלום זאגן די ברכות השחר געלאסן און מיט כוונה. א באזונדערע הנהגה האט ער געהאט, בשעת'ן זאגן די ברכות: בעפאר יעדע ברכה פלעגט רבי שלום מקפיד זיין זיך אפשטעלן אויף א מינוט און זאגן א באזונדערן נוסח. צ.ב.ש. פארן זאגן די ברכה "הנותן לשכוי בינה" פלעגט ער זאגן: "הנני מוכן ומזומן להלל יוצר ובורא' בברכת הנותן לשכוי בינה", און נאכן זאגן די ברכה. און נאכדעם האט ער געזאגט: "הנני מוכן ומזומן להלל יוצר ובורא' בברכת שלא עשני גוי", און געזאגט די ברכה. און אזוי האט ער זיך געפירט ביי יעדע ברכה (שם עמ' 525).